# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:23
מוצאי שב"ק....................8:52

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................יחזקאל מ"ד-מ"ה
בבלי.................בבא בתרא ס'
ירושלמי............ראש השנה ד'
תוספתא...........כלים מציעא ז'
רמב"ם.......מעשה הקרבנות ט"ז


פרשת עקב, כ' אב, אבות פרק ה', שנת תשפ"ד לפ"ק
שנה 13, גליון 45 (663)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן, וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּהִיטְן פוּן הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן קוּמְט נָאר פוּן עַצְבוּת, דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן מִיט דִי עֲבֵירָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ לָשׁוֹן פוּן יְלָלָה - וֵויינֶען. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם אוֹיס דֶער פָּסוּק **וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן, וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית,** דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה יא, ז): 'וְהָיָה' אִיז אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה, זָאגְט דֶער פָּסוּק: "וְהָיָה", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט: "וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס דִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכט) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת, דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט, בְּרֶענְגְט דָאס צוּ עֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מח): **"וִוי נָאר אַ אִיד וִויל אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל טְרוֹיעֶר קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס פַּיינְט".**

דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל אֵיין זַאךְ, אַרַיינְוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט, אִין אַ פַארְלוֹירְנְקֵייט, אִין אַ יֵאוּשׁ, כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאכְדֶעם אַרָאפּ פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ. מִיט וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן? אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, אַז אִיךְ הִיט שַׁבָּת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה, פָּרָשָׁה כה, יב) **אִם תִּזְכּוּ לִשְׁמֹר שַׁבָּת מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִלּוּ שְׁמַרְתֶּם כָּל הַמִּצְוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה,** וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הִיט אָפּ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, **וְאִם חִלַּלְתֶּם אוֹתָהּ מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִלּוּ חִלַּלְתֶּם כָּל הַמִּצְוֹת,** אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען הִיט נִישְׁט שַׁבָּת - לֵייקֶענְט מֶען בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט מַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס אִיךְ טוּ, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן אִין אַ גוּטֶע מוּט, גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע תַּאֲווֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**וְאָמַר: אֲפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט,** אַפִילוּ אַז עֶס הָאט זִיךְ יָא גֶעמַאכְט, אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ בְּלָאטֶע פוּן עֲבֵירוֹת, **שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם,** וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ גֵיין דֶערְפוּן, גֶעבְּט דֶער רֶבִּי אַן עֵצָה: **צוֹעֲקִין וְצוֹעֲקִין וְצוֹעֲקִין!** זָאל מֶען שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁרֵייעֶן. **וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן,** דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט אִין אִידִישׁ אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אַלֶעס אַרָאפּ גֶעשְׁרִיבְּן אִין לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ אַ גוּטֶע שִׂיחָה, בְּרֶענְגְט עֶס רֶבִּי נָתָן אַרָאפּ אִין אִידִישׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט: **"אוּן אֲפִלּוּ אַז מְ'פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרֵייט מֶען, אוּן מְ'שְׁרֵייט אוּן מְ'שְׁרֵייט", וְהִגְבִּיהַּ יָדָיו קְצָת וְלֹא אָמַר יוֹתֵר,** דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט אוּן נִישְׁט גֶעזָאגְט מֶער.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז דָא אַן עֵצָה וָואס מֶען זָאל טוּן וֶוען מֶען פַאלְט אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַז מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **וְאָמַר,** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, **שֶׁלְּעִנְיַן הַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים שֶׁמְּבַלְבְּלִין לָאָדָם בְּעִנְיָן זֶה, שֶׁדַּיָּהּ לְצָרָה בִּשְׁעָתָהּ** (בְּרָכוֹת ט:) **וְלֹא יְבַלְבֵּל עַצְמוֹ כְּלָל כְּלָל בְּעִנְיָן זֶה לֹא קֹדֶם וְלֹא אַחַר־כָּךְ,** אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען, הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תלז) בְּשַׁעַת אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר זָאגְן: **"הַיּוֹם אֲנִי מַתְחִיל לִדָּבֵק בְּךָ", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם** אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט; וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב. אִיךְ גֵיי פוּן יֶעצְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ בִּין אִיךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין בְּלָאטֶע וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם** אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ קֶענֶען גְרֵייטְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, עֵקֶב תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אִינְאֵיינֶעם אִין גַּן עֵדֶן

וֶוען דֶער צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מִרִימְנוֹב זי"ע אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. זַיין וַוייבּ הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ אוּן זִי הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִי פְלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶען יֶעדְן טָאג צוּ עֶסְן אִין שׁוּל, אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען.

אֵיין טָאג וֶוען זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעקֶער קוֹיפְן אַ בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן, הָאט דֶער בֶּעקֶער אִיר מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְן אוֹיף בָּארְג, נָאכְדֶעם וָואס זִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג וָואס זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ וִויל דִיךְ זֵייעֶר בֶּעטְן, רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, הַאלְט אִיר טַייעֶר, אוּן אַז זִי שְׁרֵייט אוּן זִי דִמְיוֹנְ'ט וְכוּ' - זָאלְסְטוּ נָאךְ מֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר, אוּן אַז זִי זִידְלְט דִיךְ אָפּ, זִי שְׁרֵייט אוֹיף דִיר אַז דוּ רוֹדְפִּ'סְט אִיר, זִי זָאגְט אַלֶעמֶען אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גוּט - זָאלְסְטוּ דָאס נֶעמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן גֵיהִנּוֹם.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס זַיין וַוייבּ הָאט אִים זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט דִי יָארְן, בִּיז אֵיינְמָאל הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "כָאטְשִׁיג וֶועל אִיךְ נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין גֵיהִנּוֹם צוּלִיבּ דִיר, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין מא:) 'מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אִשָּׁה רָעָה' וֶוער עֶס הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי, 'אֵינוֹ רוֹאֶה פְּנֵי גֵיהִנּוֹם' וֶועט נִישְׁט גֵיין אִין גֵיהִנּוֹם", הָאט זִי גֶעזָאגְט: "נֵיין, נֵיין, נֵיין, דָאס נִישְׁט, אִיךְ וֶועל דָאס נִישְׁט דֶערְלָאזְן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין גֵיהִנּוֹם, פוּן הַיינְט, וֶועל אִיךְ דִיר מֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, אִיךְ וֶועל זַיין צוּ דִיר זֵייעֶר שֵׁיין", אִיז דֶער אִיד גֶעלָאפְן צוּם רָב וֵויינֶען: "מַיין וַוייבּ אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע, זִי אִיז צוּ מִיר נָאר גוּט וַוייל זִי וִויל נִישְׁט אִיךְ זָאל אָפְּקוּמֶען מַיינֶע עֲבֵירוֹת..."

נֶעם אַרוֹיס פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף זוּכְן דָאס גוּטְס; אוֹיבּ דִי וַוייבּ שְׁרֵייט אוּן זִידְלְט דַארְף מֶען טְרַאכְטְן 'זִי אִיז אַן אִשָּׁה טוֹבָה, זִי בְּרֶענְגְט מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע גֵיהִנּוֹם'.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנַּן תשפ"ד)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# זַיי פְּרֵיילִיךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "מִיּוֹם שֶׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ נִנְעֲלוּ שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה", אוּן אֲפִילוּ וֶוען אַלֶע טִירְן זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן, אָבֶּער 'שַׁעֲרֵי דִמְעָה' אִיז נִישְׁט פַארְמַאכְט; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ מִסַּאסוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי טִירְן פוּן טְרֶערְן זֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט פַארְמַאכְט, דָאךְ אִיז דָא טִירְן, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ פְּלַאץ וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן וֵויינֶען, אַ פְּלַאץ וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט קֵיין טִירְן, שִׂמְחָה; וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער אִיז מֶען בֵּיי דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ דַארְף מֶען נִישְׁט קֵיין טִירְן אַרַיינְצוּגֵיין, מֶען אִיז גְלַייךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגוֹת.

לָאז נִישְׁט נָאךְ פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, קֶעמְף פַאר דַיין לֶעבְן, **זַיי פְרֵיילִיךְ פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט**, אוּן אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל דִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז דוּ בִּיסְט אַ גָארְנִישְׁט, עֶנְטְפֶער אִים: 'טַאקֶע, אִיךְ בִּין אַ גָארְנִישְׁט, דָאךְ בִּין אִיךְ פְרֵיילִיךְ, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ'.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מְדַיֵּיק אִין רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט 'מִנְהָג טוֹב לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה', 'נָכוֹן לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה', אָדֶער 'טוֹב לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה', דֶער רֶבִּי זָאגְט 'מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה', עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ - אִיז דָא אוֹיף וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

גֵיי אִין מִקְוֶה, זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אַ טָאג אָן מִקְוֶה; מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קֵיין מִצְוָה, אָבֶּער עֶס בְּרֶענְגְט צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע פְלֶעצֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ד)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

**א. צָרִיךְ אָדָם לִהְיוֹת נִכְסָף וּמִשְׁתּוֹקֵק לַטּוֹב הַכְּלָלִי, אַף עַל פִּי שֶׁיִּמָּשֵׁךְ לוֹ לְבַד הֶפְסֵד.** אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶנְדֶערְשׁ בֶּענְקֶען אוּן אַרוֹיסְקוּקְן פַאר דִי טוֹבָה פוּן דִי גַאנְצֶע עוֹלָם בִּכְלָלִיּוּת, אֲפִילוּ עֶר אַלֵיין וֶועט שָׁאדְן הָאבְּן דוּרְךְ דֶעם.

**ב. הַמִּתְפַּלֵּל בְּבֵית הַכְּנֶסֶת, כְּאִלּוּ הֵבִיא מִנְחָה טְהוֹרָה.** וֶוער עֶס דַאוְונְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ טָהוֹר'עֶ קָרְבַּן מִנְחָה.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט >>>>>>

בְּרֶענְגֶען צוּ עֶסְן פַאר אִיר מַאן. וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דֶער דְרִיטֶער טָאג, הָאט זִי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן זִיךְ אִיז נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן דֶעם בֶּעקֶער אַז אִיר זָאל אִיר גֶעבְּן נָאךְ אֵיין בְּרוֹיט אוֹיף בָּארְג, וַוייל אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶער בֶּעקֶער הָאט אָבֶּער בְּשׁוּם אוֹפָן גֶעוָואלְט גֶעבְּן נָאךְ אַ בְּרוֹיט, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִי וֶועט אִים אַמָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן.

זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען, זִי הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים בֶּעקֶער אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיר אוּן אוֹיף אִיר מַאן. זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וִוי אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶעמָאלְט הָאט אִיר דֶער בֶּעקֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט, אָבֶּער נָאר אוֹיבּ אִיר גֶעבְּט מִיר אַוֶועק אֵייעֶר גַאנְצֶער חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן!"

אִין אָנְהוֹיבּ הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט דָאס צוּ טוּן, אָבֶּער צוּם סוֹף הָאט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם גֶעשֶׁעפְט, אוּן זִי הָאט אִים אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַ צֶעטְל אַז זִי גֶעבְּט אִים אַוֶועק אִיר גַאנְצֶע גַן עֵדֶן, אוּן עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט. עֶר הָאט אִיר טַאקֶע גֶעגֶעבְּן אַ בְּרוֹיט אוּן זִי אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן מִיט אֵיין אָטֶעם צוּ טְרָאגְן דֶעם בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן אִין שׁוּל.

וֶוען זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט זִי גֶעזֶען אַז אִיר מַאן אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן פַאר'חַלָּשׁ'ט. גְלַייךְ וֶוען זִי הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דָאס בְּרוֹיט, הָאט זִיךְ דֶער צַדִּיק גֶעוַואשְׁן אוּן גֶעגֶעסְן. עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "זָאלְסְט וִויסְן אַז וֶוען דוּ בְּרֶענְגְסְט וֶוען מִיר נִישְׁט יֶעצְט דֶעם בְּרוֹיט, וָואלְט אִיךְ רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַאר הוּנְגֶער".

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִי זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען. וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זִי וֵויינְט, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ פַארְקוֹיפְט מַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא פַאר דִי אֵיינֶע בְּרוֹיט. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט דַיין לֶעבְּן, אָבֶּער וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין מִיט מִיר?" דֶער צַדִּיק הָאט אִיר בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ דַארְפְסְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט זָארְגְן, אִין דֶעם זְכוּת פוּן דַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גְרוֹיסְן שְׂכַר, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין צוּזַאמֶען מִיט מִיר אִין גַן עֵדֶן".

יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִיר גֶעלֵייגְט אִינֶעם זֶעלְבְּן אוֹהֶל נֶעבְּן אִיר מַאן. כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אִין יֶענֶע צַייטְן צוּ לֵייגְן דִי רֶבִּיצִין נֶעבְּן אַ צַדִּיק, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ סִימָן אוּן אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן.

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ז.), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט אַ גְרֶעסֶערֶע שְׂכַר פַאר פְרוֹיעֶן וִוי פַאר מֶענֶער. פַארְוָואס בַּאקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר? וַוייל זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען מְחַזֵּק אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין ווָאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיךְ וַוייל זֵיי טְרָאגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס שְׁטֵייט צוּ אִיר מַאנְ'ס זַייט, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אִים, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס וָואס עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ גֵיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ זַיין ווָאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן זִיכֶער רֶעדְט זִי אִים נִישְׁט אָפּ אוּן זִי מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן. מִיט דֶעם וָואס זִי אִיז מְחַזֵּק אִיר מַאן, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ פּוּנְקְט אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר וִוי אִים, זִי וֶועט זִיךְ טֵיילְן מִיט זַיין חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס וֶועט אִיר זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען זָאגְט אַז דִי פְרוֹי טֵיילְט זִיךְ מִיט דִי שְׂכַר פוּן אִיר מַאן, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז יֶעדֶער פוּן זֵיי וֶועט נָאר בַּאקוּמֶען הַאלְבּ. אַז מִיט דֶעם וָואס זִי הֶעלְפְט אִיר מַאן, וֶוערְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַ חֵלֶק פוּן זַיין שְׂכַר אוּן מֶען גֶעבְּט עֶס פַאר דִי פְרוֹי. דָאס אִיז אַ טָעוּת. חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד.) אַז דִי מַאן אוּן פְרוֹי זֶענֶען וִוי אֵיין מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"ה) אַז אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מַאן אוּן וַוייבּ, אֵיין נְשָׁמָה. נָאר וֶוען דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט עֶס צוּטֵיילְט אִין צְוֵויי גוּפִים, פַאר דִי מַאן אוּן פַאר דִי וַוייבּ. קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זֵיי לֶעבְּן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, בַּאקוּמֶען בֵּיידֶע דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר אִינְאֵיינֶעם.

מִ'קֶען נִישְׁט שַׁאצְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אִיר מַאן. זִי אִיז אִים מְחַזֵּק אוּן שְׁטַארְקְט אִים, זִי הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אַז עֶר זָאל קֶענֶען זַיין ווָאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַז עֶר זָאל רוּאִיגֶערְהֵייט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין דַרְגָה, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט זִי זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֵרֶךְ אִשָּׁה וְעֵרֶךְ זְכוּת)

# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (קעא)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי יֶעדֶעס יָאר. מִיטְל נַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה.

**תקצד**

אִין יֶענֶע צַייט, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה, אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן, אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וָואס הָאט גֶעפִירְט גֶעשֶׁעפְטְן מִיט גֶעוִויסֶע פָּרִיצִים פוּן דִי מִילִיטֶער, עֶר פְלֶעגְט זֵיי צוּשְׁטֶעלְן מֶעל, אוּן עֶפֶּעס אִיז זֵיי נִישְׁט גֶעפָאלְן וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט, אוּן דָאס הָאט אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. אוֹיסֶער דִי גְרוֹיסֶע גֶעלְט שָׁאדְן וָואס הָאט אִים עֶרְוַוארְטֶעט, הָאט זִיךְ עֶס נָאךְ אוֹיךְ גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן פַאר אִים מִיט סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת מַמָּשׁ רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר בִּיטֶער, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעצִיטֶערְט וִוי אַזוֹי דִי זַאךְ וֶועט זִיךְ אוֹיסְלָאזְן, אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען נָאנְט צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וָואס דֶעמָאלְט פְלֶעגְן דָאךְ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז וֶוען עֶר וֶועט זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף שָׁבוּעוֹת וֶועט עֶר דֶעמָאלְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְגִיסְן זַיין הַארְץ אוּן דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִין וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְפְּלָאנְטֶערְט, אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן.

זַייעֶנְדִיג בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב, הָאט עֶר גֶעהֶערְט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה, אוּן עֶס אִיז אִים זֵייעֶר אַרַיין אִין קָאפּ דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִין דִי תּוֹרָה אַז דוּרְכְ'ן רֶעדְן פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים אִיז מֶען זוֹכֶה אַז עֶס וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען דִי רֵייד וָואס מֶען רֶעדְט, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, "דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ וָואס אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן, אַז מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען מַיינֶע רֵייד וָואס אִיךְ וִויל זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְן אוּן מַסְבִּיר זַיין מַיין שְׁטֶעלוּנְג, דִי פָּרִיצִים זָאלְן מִיךְ אוֹיסְהֶערְן אוּן אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, אוּן אוֹיב וֶועט דָאס פַּאסִירְן וֶועל אִיךְ דָאךְ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי גַאנְצֶע צָרָה, אוּן אִיךְ וֶועל נָאךְ אַרוֹיסְגֵיין מִיט גְרוֹיסֶע פַארְדִינְסְטְן".

עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן צוּם רֶבִּי'ן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, נָאר גְלַייךְ מוֹצָאֵי שָׁבוּעוֹת וֶועט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן קֵיין וִוינִיצֶע, וואוּ דִי פָּרִיצִים הָאבְּן גֶעוואוֹינְט, אוּן עֶר וֶועט עֶס אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי.

גֶעטְרַאכְט אוּן גֶעטוּן, מוֹצָאֵי שָׁבוּעוֹת הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם שְׁטָאט וִוינִיצֶע, אוּן אוֹיפְ'ן גַאנְצְן וֶועג הָאט עֶר נָאר גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, סַיי מִיטְ'ן בַּעַל עֲגָלָה הָאט עֶר נָאר גֶעשְׁמוּעֶסְט דִי גַאנְצֶע צַייט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים אָנְקוּמֶען אִין וִוינִיצֶע הָאט עֶר גֶערֶעדְט אַסַאךְ פוּן רֶבִּי'ן מִיט זַיין בַּעַל אַכְסַנְיָא. אוּן דִי זֶעלְבֶּע הָאט עֶר גֶעטוּן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר הָאט נָאר בַּאגֶעגְנְט, עֶר הָאט נָאר גֶערֶעדְט פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאבְּן אַלְץ גֶעהַאט צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ דִי פָּשׁוּטֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייךְט בַּיים רֶבִּי'ן, הָאב גֶעהַאט אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן רֶבִּי'ן.

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גְלַייךְ אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פָּרִיצִים אוּן גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אַלֶע זַיינֶע טַעֲנוֹת אוּן תֵּירוּצִים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ זָאגְן אִיבֶּער דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן טַאקֶע אָנְגֶעקוּמֶען זַיינֶע רֵייד, זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיין מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע סַכָּנוֹת וָואס הָאט גֶעדְרָאעֶט אוֹיף אִים, עֶר

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי מֶען וֶוערְט פָּטוּר פוּן דִי תַּאֲוָה צוּ וֶוערְן רַייךְ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מֶען וֶוערְט פָּטוּר פוּן דִי תַּאֲוָה פוּן וֶוערְן אַן עוֹשֶׁר?

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנָּן, ט' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

תַּאֲוַת מָמוֹן אִיז אַ בִּיטֶערֶע מַעֲשֶׂה. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב) אַז תַּאֲוַת מָמוֹן אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם מֶלֶךְ, אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, חוּץ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין תַּאֲוַת מָמוֹן", עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ דִי תַּאֲוָה פוּן גְלוּסְטְן אוּן טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֲבוֹדָה זָרָה; אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כג): "אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם הַנּוֹפְלִים בְּתַאֲווֹת מָמוֹן" דִי וָואס לִיגְן אִין דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט, זֵיי גְלִיסְטְן צוּ זַיין רַייךְ, דִי קָאפּ לִיגְט אִין גֶעלְט, "וְאֵינָם מַאֲמִינִים שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יָכוֹל לְפַרְנֵס אֶת הָאָדָם בְּסִבָּה קַלָּה" זֵיי גְלֵייבְּן נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען גֶעבְּן פַּרְנָסָה גְרִינְגֶערְהֵייט, "וְרוֹדְפִים אַחַר פַּרְנָסָתָם בִּיגִיעוֹת גְּדוֹלוֹת" זֵיי לוֹיפְן נָאךְ דִי גֶעלְט אוּן מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר פַאר דִי גֶעלְט, "וְהֵם אוֹכְלֵי לֶחֶם בְּעִצָּבוֹן" זֵיי זֶענֶען דֶעפְּרֶעסְטֶע מֶענְטְשְׁן, זֵייעֶר פַּרְנָסָה אִיז עַצְבוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "בְּעִצָּבוֹן תֹּאכְלֶנָּה", "וְעַצְבוּת הוּא מָרָה שְׁחוֹרָה" זֵיי זֶענֶען אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, "אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם נִקְשָׁרִים בְּפָנִים דְּסִטְרָא אָחֳרָא" דָאס אִיז דִי סִטְרָא אַחְרָא, "אֱלֹהִים אֲחֵרִים" דִי דִינֶען נֶעבֶּעךְ עֲבוֹדָה זָרָה, "חֹשֶׁךְ" דִי לֶעבְּן אִיז זֵיי פִינְסְטֶער, "בְּחִינַת מִיתָה" זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז טוֹיט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי" וְכוּ', אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק: "וּזְהָבָם לְנִדָּה", "הַיְנוּ בְּחִינַת עֲבוֹדַת אֱלִילִים" זֵייעֶר גֶעלְט אִיז אַזוֹי וִוי עֲבוֹדָה זָרָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (שַׁבָּת פב.) "מִנַּיִן לַעֲבוֹדַת אֱלִילִים שֶׁמְּטַמֵּא כְּנִדָּה, שֶׁנֶּאֱמַר, 'תִּזְרֵם כְּמוֹ דָוָה'", אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן תַּאֲווֹת מָמוֹן אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק, אַזוֹי פִירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס דִי תּוֹרָה: "כִּי רֹב הָעוֹלָם נִלְכְּדוּ בָּזֶה הַיְנוּ בְּתַאֲווֹת מָמוֹן" רוֹב וֶועלְט אִיז גֶעכַאפְּט אִין תַּאֲוַת מָמוֹן, "וְהַמָּמוֹן הוֹרֶגֶת וּמְמִית אוֹתָם" דִי גֶעלְט הַרְגְ'עט זֵיי.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי תַּאֲוָה, דוּרְךְ הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק, דֶער צַדִּיק קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אוֹיךְ פוּן דִי תַּאֲוָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְאִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק" מֶען קֶען נִישְׁט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן תַּאֲווֹת מָמוֹן נָאר דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק; זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; הוֹיבּ אָן שְׁמֶעקְן דִי גֶערוּךְ פוּן דִי עֶסְן וָואס דֶער רֶבִּי קָאכְט, וֶועסְטוּ פְּלוּצְלוּנְג אָנְהוֹיבְּן שְׁמֶעקְן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן גֶעלְט. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סוֹף מַעֲשֶׂה יב - מֵהַבַּעַל תְּפִלָּה) דֶער גִיבּוֹר הָאט גֶענוּמֶען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירִים אוּן זֵיי פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט, עֶר הָאט זֵיי גֶענוּמֶען צוּם קָאךְ וְכוּ', וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמֶעקְט דִי גֶערוּךְ פוּן דִי עֶסְן הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "עֶס שְׁטִינְקְט!" זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס שְׁטִינְקְט, בִּיז דֶער גִיבּוֹר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זֶעט דָאךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא וָואס זָאל שְׁטִינְקֶען, מוּז זַיין אַז אִיר אַלֵיינְס שְׁטִינְקְט"; דָאס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, גֶעלְט וֶועט שְׁטִינְקֶען אַזוֹי וִוי צוֹאָה, אַלֶע וֶועלְן אַוֶועק וַוארְפְן דִי גֶעלְט, מֶען וֶועט נָאר זוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען וֶועט זוּכְן וואוּ קֶען מֶען וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי שׁוֹין יֶעצְט, עֶר רַאטֶעוֶועט אוּנְז פוּן דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנָּן תשפ"ד)

BreslevCenter.com\answers

אִיז אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם, אוּן נָאךְ מִיט גְרוֹיס רֶוַח פוּנֶעם גַאנְצְן גֶעשֶׁעפְט.

**תקצה**

נָאךְ שָׁבוּעוֹת הָאט זִיךְ פַארְעֶרְגֶערְט דִי קְרֶענְק אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן קִינְד שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט פָארְן קֵיין מֶעזִיבִּיזְשׁ צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע.

**תקצו**

אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' חַיִּים שָׂרָה'ס, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן, אוּן כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר, אִיז עֶר אָבֶער אוֹיךְ גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', אַזוֹי וִוי אַלֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוער עֶס אִיז נָאר מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אִיז גֶעוָוארְן צוּם סוֹף אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עוֹבֵד ה'. דֶער ר' חַיִּים שָׂרָה'ס אִיז גֶעוֶוען אַ מְחוּתָּן מִיטְ'ן רָב פוּן בְּרֶסְלֶב, הרה"ק רֶבִּי אַהֲרֹן זי"ע, זַיין טָאכְטֶער מָרַת חַיָּה לֵאָה אִיז גֶעוֶוען דִי וַוייבּ פוּן רֶבִּי צְבִי אַרְיֵ' ז"ל, אַ זוּן פוּנֶעם בְּרֶסְלֶב'עֶר רָב. עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר שֵׁיין פוּן אִים, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף אִים, "אִיךְ הָאבּ אֵיין חָסִיד אִין בְּרֶסְלֶב, דָאס אִיז ר' חַיִּים שָׂרָה'ס". עֶר פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן צוּ פַאסְטְן צְוֵויי מָאל אַ יָאר מִשַּׁבָּת לַשַּׁבָּת, דָאס אִיז גֶעוֶוען יֶעדֶעס יָאר פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא אוּן פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא, עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן אוֹיפְ'ן בַּאפֶעל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט דָאס אַיינְגֶעהַאלְטְן יָאר יֶערְלִיךְ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ. אֵיין מָאל אִין דִי צַייט וֶוען ר' חַיִּים שָׂרָה'ס הָאט גֶעפַאסְט מִשַּׁבָּת לַשַּׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס פוֹעֵלְ'ן אוּן עֶר הָאט זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט דִי עֲבוֹדָה פוּן ר' חַיִּים שָׂרָה'ס דָאס צוּ פוֹעֵלְ'ן. דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, "נִישְׁט אוּמְזִיסְט אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעוֶוען וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים".

אִין יֶענֶע צַייט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֵיינְמָאל גֶעזֶעסְן אִין אַ נָאכְמִיטָאג מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז אַלְץ גֶעוֶוען, אוּן צְוִוישְׁן דִי אָנְוֶועזְנְדֶע הָאט זִיךְ דַאן גֶעצֵיילְט אוֹיךְ דֶער ר' חַיִּים שָׂרָה'ס.

בַּיים שְׁמוּעֶס הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אִינְצְוִוישְׁן אָנְגֶערוּפְן, "אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ אַזוֹי נַארִישׁ, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת גֵייט אִים שׁוֹין נָאךְ הוּנְטֶער דִי אַקְסְלֶען, אִיז עֶר נָאכְאַלְץ פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקֵייטְן".

דֶער עוֹלָם הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער אוּן זֶענֶען דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט מְרַמֵּז צוּ זַיין דֶערְמִיט, אָבֶער ר' חַיִּים שָׂרָה'ס הָאט זִיךְ גָאר שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן דֶערְפוּן, זַיין הַארְץ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעמֵיינְט, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן בַּיים טִישׁ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער פַּחַד, זַיינֶע פִיס הָאט גֶעצִיטֶערְט פַאר שְׁרֶעק אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן פוּן אָרְט.

אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שְׁמוּעֶס אוּן יֶעדֶער אִיז זִיךְ שׁוֹין צֶעגַאנְגֶען, אִיז ר' חַיִּים שָׂרָה'ס גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן בַּיים טִישׁ, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס זִיצְטוּ נָאךְ?", הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ עֶנְטְפֶערְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, דֶערְשְׁרָאקְן, מִיט אַ טִיפֶע מָרָה שְׁחוֹרָה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **יושע סופר** הי"ו
**צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג**
***
מו"ה **משה גאטליב** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **יואל משה מייזעלס** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **בנציון ברוין** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***
מו"ה **ראובן ברנבוים** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון יואל נ"י למזל טוב**
***
מו"ה **יואל אפענהיים** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון נחמן נתן נ"י למזל טוב**

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

# סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צום געבורט פון אן אייניקל**
**למזל טוב, א אינגל, ביי זיין זון**

מו"ה **אלחנן חיים רוטה** שליט"א

חתן מו"ה **מרדכי אינדיג** שליט"א

**מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת; דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# "אנשי חיל" קאמפיין

גייענדיג צום דרוק האלטן מיר אין די לעצטע שטאפלען פונעם יערליכן "אנשי חיל" קאמפיין, וואס לויפט דאס יאר אונטערן נאמען "געטרייע סאלדאטן", אין וואס אלע אנשי שלומינו זענען אנגעשלאסן צוזאמצונעמען נדבות פון קרובים און באקאנטע, ארויסצוהעלפן דעם ראש ישיבה שליט"א אנצוגיין מיט זיין הייליגע ארבעט.

מיר באקומען אזויפיל מתנות און חיזוק פונעם ראש ישיבה שליט"א אין לויף פונעם גאנצן יאר, און יעצט איז די צייט, איינמאל א יאר, ווען מיר קענען ארויסווייזן אביסל אונזער הכרת הטוב פאר'ן ראש ישיבה שליט"א.

דעם זונטאג איז פארגעקומען א שיינע מסיבה איינצופעדעמען דעם קאמפיין, אינעם גרויסן זאל "היכל ראזענבערג" הונטערן גרויסן בית המדרש אויף די האשקי גאס אין שטעטל, אנשי שלומינו זענען זיך צוזאמגעקומען צו הערן שיינע דרשות און וויכטיגע אנווייזונגען צום קאמפיין, ווי אויך א רייכער פאנעל איבער די מוסדות, קהלה, און פאנדרעיזינג, און ביים שפיץ א דרשת חיזוק פונעם ראש ישיבה שליט"א.

במשך די וואך האבן אלע אנשי שלומינו געארבעט פאר'ן קאמפיין, גערופן קרובים און באקאנטע, און אריינגעברענגט גאר שיינע סכומים ארויסצוהעלפן די הייליגע מוסדות, און אראפצונעמען אביסעלע פונעם לאסט וואס הויערט אויף די פלייצעס פונעם ראש ישיבה שליט"א.

כאטש וואס דער קאמפיין האט זיך אפיציעל שוין געענדיגט, מיט גרויס הצלחה ברוך ה', קען מען נאך אבער ווייטער אנגיין און צוענדיגן די ארבעט ארייצוברענגען ווי מער געלט פאר'ן קאמפיין.

אנשי שלומינו האבן ווידעראמאל געגעבן א געלעגנהייט פאר כלל ישראל צו נעמען א חלק אין דעם הייליגן אמונה פאבריק "היכל הקודש" וואס באלייכט די גאנצע וועלט מיט אירע הערליכע פעולות פון פארשפרייטן אמונה, חיזוק, פאר יעדן איד.

אויב האט איר הנאה פון די חיזוק און עצות פון הייליגן רבי'ן דורך די שיעורים און בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א, הויבט שוין אויף דעם טעלעפאן און רופט 845-439-0715, און העלפט ארויס אז עס זאל ווייטער קענען אנגיין.

## היכל נגינה

**גאר א רייכע אויסוואל פון נגינה, מוזיק, און נוסח. ווארעמע און לעבעדיגע, ניגונים און גראמען, פאסיג פאר יעדן מצב**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 6**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**